בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיךְ

אִין דֶעם הֶערְלִיכְן קוּנְטְרֵס וֶועסְטוּ גֶעוָואר וֶוערְן אַז אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט דִיר יָא, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְ'ס הִילְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

לֵיל שִׁשִּׁי וַיִּגַּשׁ תשע"ד

גֶעבּוֹיעְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהשי"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - קִרְיַת יוֹאֵל יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אֵיינֶער פַאְרשְׁטֵייט מִיךְ

## א.

### יֶענֶעמְס גְרָאז קוּקְט אֵייבִּיג אוֹיס גְרִינֶער

״יֶעדְן דַאכְט זִיךְ אַז בַּיי יֶענֶעם לַאכְט זִיךְ״; אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג: וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אִין יֶענֶעמְס שִׁיךְ וָואלְט מִיר גָארְנִישְׁט גֶעפֶּעלְט... וֶוען אִיךְ הָאבּ וֶוען יֶענֶעמְס פַארְמֶעגְן וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעמֶען...! דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער, אַז עֶס אִיז

נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס גֵייט נִישְׁט דוּרְךְ עֶפֶּעס אַ צָרָה, יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און זַיינֶע דוּרְכְגַאנְגֶען, אֲפִילוּ דִיר דַאכְט זִיךְ אַז יֶענֶעם פֶעלְט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט גֶענוּג גֶעלְט, עֶר קֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַן עֵצָה גֶעבְן, אָבֶער וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוּנְטֶערְן פוּרְהַאנְג הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג, דִי בִּיטֶערֶע צָרוֹת וָואס יֶענֶער גֵייט דוּרְךְ וֵוייסְטוּ נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט הָאבְן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**פַארְוָואס זֶענֶען דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר סְפָרִים פוּל מִיט הִתְחַזְּקוּת?**

אִיז מֶען טַאקֶע אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ לַיידְן צָרוֹת? אִיז טַאקֶע נִישְׁט דָא קַיין עֵצָה צוּ דוּרְכְגֵיין דִי לֶעבְן בְּשָׁלוֹם?! דֶער תִּירוּץ אִיז, אַז סְ׳אִיז זִיכֶער דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי צָרוֹת! סְ׳אִיז זִיכֶער דָא אַ וֶועג וִוי

אַזוֹי מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַלֶע צָרוֹת און אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע צוּפְרִידֶענֶע לֶעבְּן, דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר וִוי אַזוֹי? אוֹיף דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעקוּמֶען און אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַז דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק צוּ זַיין, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִדָה פוּן "הִתְחַזְקוּת", זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ און מֹחַ זָאל עֶר אַרַיינְלֵייגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (קִצוּר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו):

הָעִיקָר מַה שֶׁקוֹרִין "דֶערְהַאלְטְן זִיךְ" - דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט; און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט דוּרְכְגֵיין זַיין לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, רוּאִיג

און נָארְמַאל, און אָנְקוּמֶען צוּ וָואס עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען, אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל הָאבְּן אַסַאךְ אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת, דֶערְפַאר אִיז דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים פוּל מִיט הִתְחַזְקוּת, בִּפְרַט אַלֶע בֶּענְדֶער לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת - וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, אִיז נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף הִתְחַזְקוּת.

## נָאר רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רֶבִּי וִויל

וִוי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהַאט גָאר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, בַּעֲלֵי מְקוּבָּלִים, בַּעֲלֵי רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ און בַּעֲלֵי מוֹפְתִים, וִוי אוֹיךְ פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, עֶרְלִיכֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים וְכוּ׳, אָבֶּער פוּן אַלֶע גְרוֹיסֶע און דֶערְהוֹיבֶּענֶע תַּלְמִידִים הָאט נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְגַאנְגֶען וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט, און וָואס דֶער רֶבִּי וִויל (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָנִים שסז-שעא, שעח),

און עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶעם גַאנְצְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז נָאר הִתְחַזְקוּת.

## דֶער חִידוּשׁ אִיז רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמז): חִידוּשׁ כָּמוֹנִי עֲדַיִן לֹא הָיָה בָּעוֹלָם – אַזַא חִידוּשׁ וִוי מִיר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אָבֶּער דָאס גֵייט בְּעִיקָר אַרוֹיף אוֹיפְן תַּלְמִיד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, וַוייל אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֵיין אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן קַיין חִידוּשׁ, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אוֹיף דִי זוּן קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ חִידוּשׁ, וַוייל דִי זוּן בְּרֶענְט שְׁטֶענְדִיג מִיט אַזַא שְׁטַארְקֵייט אַז מֶען קֶען נִיטְאַמָאל אַרייַנְקוּקְן אִין דֶעם, דֶער עִיקָר חִידוּשׁ אִיז דִי לְבָנָה, אַז כָאטְשִׁיג עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע שַׁיין, עֶס אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַ שְׁפִּיגְל, און אַ שְׁפִּיגְל אַז עֶס אִיז

נישט אינגאַנצן זוכבער קען מען שוין נישט געהעריג זעהן דערין, וועך רעדט נאָך אַז עס איז אינגאַנצן פֿאַרשטויבט קען מען שוין גאָרנישט זעהן אין דעם, אָבער אַז די לבנה שײַנט אַזוי שײן און קלאָר, עס שפּיגלט שטענדיג אָפּ דעם גאַנצן שײַן און פּראַכט פון די זון, איז דאָס אַ חידוש, די זעלבע זאַך דער עיקר חידוש איז אַ תּלמיד וואָס ער ליידיגט אינגאַנצן אויס זיין מוח פון זיין אייגענעם שׂכל, דעמאָלטס קען אין אים אַריינשײַנען די גאַנצע לעכטיגקייט פונעם צדיק, אַזוי ווי דער הייליגער רבי זאָגט (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן קנג): אַ תּלמיד וואָס גייט אַרום מיט אַן אויפגעלייגטן פּנים און ער איז שטענדיג פרייליך, שפּיגלט ער אָפּ אין זיך די לעכטיגקייט פונעם צדיק. און דאָס איז געווען דער הייליגער רבי נתן, ווייל צווישן אַלע תּלמידים איז נישט געווען נאָך אַ תּלמיד

וָואס זָאל אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיסְהָאבְּן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם רֶבִּי'ן, נָאכְדֶערְצוּ קֶענֶען אַלֶעס אַזוֹי קְלָאר אַרָאפּשְׁרַייבְּן, וִוי רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַלֵיין עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף אִים (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָנִים שסז-שעב; וְעַיֵין עוֹד סִימָן תרז), דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ.

## דִי צִיל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

דֶער גַאנְצֶער צִיל פוּן אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן אַלֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז נָאר וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן קֶענֶען עֶפֶּעס אַרוֹיסְנֶעמֶען עֵצוֹת וָואס זָאל אוּנְז צוּנִיץ קוּמֶען אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועלְן מִיר אָפְּלֶערְנֶען שֵׁיינֶע גֶעדַאנְקֶן אוֹיף דִי סֶדְרָה פוּן דִי וָואךְ.

## ב.

## די שׂמחה אַז יהודה מיט יוסף קומען זיך צאַם

וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה – יְהוּדָה איז צוגעגאַנגען צו יוסף; זאָגט דער הײליגער רבי (לקוטי מוהר״ן חלק א, סימן סב; בשם זהר ויגש דף ר״ו, ועיין בפירוש הרמ״ז שם), אַז יעצט זענען זיך צאַמגעקומען צװײ קעניגן, יהודה מיט יוסף, װאָס דורכדעם איז געװאָרן אַ יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה, די מדה פון יסוד איז געװאָרן פאַרבינדן מיט די מדה פון מלכות.

## װאָס האָב איך פון דעם?

כדי צו ערקלערן די באַדײט פון די װערטער איז פאַרהאַן צװײ װעגן, אײן װעג איז צו זאָגן אַ שײנע דרוש פון קבלה און װי אַזױ די הײליגע ספירות

אַרְבֶּעטְן, וָואס קֶען גֶעדוֹיעֶרְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אָבֶער צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט מֶען בַּאמֶערְקְן ווִי אַזוֹי אֵיינֶער גֶענֶעצְט, דֶער צְוֵוייטֶער דְרִימְלְט, דֶער דְרִיטֶער שְׁלָאפְט שוֹין גֶעהֶערִיג, אוּן דִי וָואס אִיז זֵיי יָא גֶעלוּנְגֶען מִיטְצוּהַאלְטְן דִי דְרָשָׁה, וֶועלְן אוֹיךְ גָארְנִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם פַארְן טָאג טֶעגְלִיכֶן לֶעבְּן. מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר, אוּן וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן דֶעם, דֶער עִיקָר פוּנֶעם רֶבִּי׳נְס תּוֹרוֹת אִיז לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַ וֶועג אִין לֶעבְּן, אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶערִיבֶּער וֶועלְן מִיר עֶנְדֶערְשׁ אוֹיסְוֶועלְן מַסְבִּיר צוּ זַיין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם רֶבִּי״ן אוֹיפְן צְוֵוייטְן וֶועג, צוּ עֶרְקְלֶערְן פָּשׁוּט אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, ווִי אַזוֹי זִיך צוּ בַּאנוּצְן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִין לֶעבְּן.

## דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט פֶּעלְן

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג צַאמְשְׁטֶעלְן דִי מִדָה פוּן יְסוֹד מִיט דִי מִדָה פוּן מַלְכוּת, דֶער בַּאדֵייט דֶערְפוּן אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ מַלְכוּת שָׁמַיִם, גְלֵייבְּן מִיט אַ קְלָארֶע אוּן גַאנְצֶע אֱמוּנָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן עֶר פִירְט אַלֶעס, וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אַ גַאנְצֶע כֵּלִי וואוּ עֶס זָאל אַרַיינְקוּמֶען אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס קוּמְט אַרָאפּ דוּרְךְ "יְסוֹד", אָבֶער אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה הָאט עֶר נִישְׁט קַיין כֵּלִי וואוּ עֶס זָאל אַרַיינְקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת, דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג חַזְר'ן דִי פְּשוּטֶע אֱמוּנָה, דַאן הָאט עֶר אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, אוּן עֶס פֶּעלְט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט.

## לָאז אָפּ דַיין שֵׂכֶל און גֵיי מִיט אֱמוּנָה

דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, כד): עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד - אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין טַאטֶע און מַאמֶע און זִיךְ בַּאהֶעפְטְן מִיט זַיין וַוייבּ. טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִּלּוּחַ הֲלָכָה ד, אוֹת ז) דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן זַיין שֵׂכֶל - וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן טַאטֶע און מַאמֶע, און זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּ דִי אֱמוּנָה - וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי וַוייבּ, און וֶוערְן אֵיינְס מִיט דִי אֱמוּנָה.

## אִידִישְׁקֵייט אַרְבֶּעט מִיט אֱמוּנָה

דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקַייט פוּן אַ אִיד וֶוענְדְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה, כְּדֵי צוּ טוּן אַ מִצְוָה מוּז מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה, "אִיךְ טוּה דִי מִצְוָה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן",

אֲפִילוּ אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דֶער טַעַם פוּן דִי מִצְוָה, וַוייל דִי מִינוּט וָואס מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן דִי טַעַם פוּן אַ מִצְוָה קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם זֵייעֶר פַארְקְרִיכְן, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶועןאַקֶעגְן סְפָרִים וָואס גֵייעֶן מִיט חֲקִירוֹת, אוּן קֶעגְן דִי וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט טַעֲמִים פוּן מִצְוֹת, אֲפִילוּ וָואס עֶס הָאבְּן מְחַבֵּר גֶעוֶועןגְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָנִים תז-תיב), מֶען קֶען זָאגְן אַ רֶמֶז אוֹיף אַ מִצְוָה, אָבֶּער נִישְׁט אַז דָאס אִיז דֶער טַעַם פוּן דִי מִצְוָה, וַוייל נָאכְדֶעם וֶועט מִיר אַיינְפַאלְן אַן אַנְדֶערְן טַעַם, אָדֶער אַן אַנְדֶערְן וֶועג וִוי אַזוֹי מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה, בִּיז עֶס וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז אִיךְ דַארְף שׁוֹין חַס וְשָׁלוֹם אִינְגַאנְצְן נִישְׁט טוּהן דִי מִצְוָה פָּשׁוּט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז דִי גַאנְצֶע טַעַם פוּן אָנְטוּהן תְּפִלִּין אִיז נָאר אַז אִיךְ זָאל זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אָן

דֶעם אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", בִּיז עֶר וֶועט נִישְׁט לֵייגְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין תְּפִלִּין, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיי נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע מִצְווֹת.

## טוּה וָואס מֶען דַארְף מִיט שִׂמְחָה

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, בֵּיצִים, הֲלָכָה ג וַהֲלָכָה ה; שִׁלּוּחַ הַקֵּן הֲלָכָה ד) דִי מִצְוָה פוּן שִׁלִּיחַ הַקֵּן, דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כב, ז): "שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם, וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ" - דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְשִׁיקְן דִי מַאמֶע, אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ נֶעמֶען פַאר דִיר. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַוֶועקְוַוארְפְן זַיין שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד - וָואס הֵייסְט מַאמֶע, אוּן דִי קִינְדֶער - וָואס דָאס מֵיינְט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, זָאל עֶר נֶעמֶען צוּ זִיךְ. אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס זַאךְ, אַוֶועקְצוּלֵייגְן דֶעם שֵׂכֶל אוּן טוּהן וָואס מֶען דַארְף צוּ

טוּהן, מְקַײֵם זַײן יֶעדֶע מִצְוָה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, כָאטְשִׁיג אִיך וֵײס נִישְׁט אוּן אִיך פַארְשְׁטֵײ נִישְׁט פַארְוָואס אוּן פַאר וֶוען, דָאך טוּה אִיך אַלֶעס וָואס דִי חֲכָמִים אוּן צַדִיקִים לֶערְנֶען אוּנְז אוֹיס צוּ טוּהן פָּשׁוּט אוּן פְּרָאסְט, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס שִׂמְחָה.

## מִיט תְּמִימוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי בֶּעסְטֶע לֶעבְּן

אַוַודַאי אִיז צוּ זַײן אַ תָּמִים דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער וָואס מֶער מֶען לֶעבְּט מִיט תְּמִימוּת אַלְץ אַ בֶּעסֶערֶע אוּן זִיסֶערֶע לֶעבְּן הָאט מֶען, בִּיז מֶען קֶען לֶעבְּן אַ גוּטֶע אוּן שֵׁײנֶע זִיסֶע לֶעבְּן פוּל מִיט שִׂמְחָה אוּן חַיוֹת, אוּן עֶס זָאל קֵײנְמָאל גָארְנִישְׁט פֶּעלְן.

## וָואס וֶועט שׂוֹין זַיין אַז דוּ וֶועסְט זַיין קְלוּגֶער פוּן מִיר?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה פוּן אַ חָכָם מִיט אַ תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט, מֵחָכָם וְתָּם), אוּנְז אָפצוּשְׁפִּילְן אַ לֶעבְּן פוּן צְוֵויי עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער אַ תַּם וָואס הָאט אָפְּגֶעלֶעבְּט זַיין לֶעבְּן מִיט אֵיין פֶּעלְץ [מַאנְטְל], אוּן מִיט בְּרוֹיט אוּן וַואסֶער, עֶר הָאט אִין דִי בְּרוֹיט גֶעפִילְט אַלֶע עֶסֶענְס וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אִין דִי וַואסֶער אַלֶע טְרִינְקֶן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה, עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָן בְּאֵר אוּן עָנָן, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן אִין מִדְבָּר, וָואס הָאבְּן גֶעהַאט קְלֵיידוּנְג דוּרְךְ דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד, וַוייל דִי וָואלְקֶענֶעס הָאבְּן אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוּן אוֹיסְגֶעבִּיגֶעלְט דִי מַלְבּוּשִׁים (רַשִׁ״י דְּבָרִים ח, ד; מִמֶּדְרָשׁ תְּהִלִּים כג), גֶעגֶעסְן הָאבְּן זֵיי פוּן דִי מָן וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶערִין אַלֶע טַעֲמִים (יוֹמָא דַף עה ע״א), גֶעטְרִינְקֶן הָאבְּן זֵיי פוּן

דִי בְּאֵר אוּן גֶעשְׁפִּירְט אִין דֶעם אַלֶע טַעֲמִים (עַיֵין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, עוֹשֶׂה שָׁלִיחַ לִגְבּוֹת חוֹבוֹ הֲלָכָה ג, אוֹת ו), דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאט דֶער תַּם אוֹיךְ גֶעהַאט דִי דְרֵיי זַאכְן, אוּן גֶעלֶעבְּט אַ גֶעשְׁמַאקֶע צוּפְרִידֶענֶע לֶעבְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעלַאכְט פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, כָאטְשִׁיג דִי וֶועלְט הָאט פוּן אִים גֶעלַאכְט אוּן אִים אָנְגֶעקוּקְט וִוי אַ מְשׁוּגֶענֶער, הָאט עֶר זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּטוּהן גֶעמַאכְט, אוּן אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען דַוְקָא לֵיצָנוּת מַאכְן פוּן אִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין אַז דוּ וֶועסְט זַיין קְלוּגֶער פוּן מִיר? וֶועסְטוּ דָאךְ הֶערְשְׁט זַיין אַ שׁוֹטֶה, וַוייל וָואס בִּין אִיךְ דֶען? אוּן אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין זַיין קְלוּגֶער פוּן מִיר וֶועסְטוּ דָאךְ זַיין אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה אוּן אַ גְרֶעסֶערֶע נַאר...!

## וִוי אַזוֹי קוּקְט מִיך יֶענֶער אָן

ווידֶער איז גֶעוֶועֶן אֵײנֶער [וָואס הָאט גֶעמֵײנְט אַז עֶר אִיז] אַ חָכָם, עֶר הָאט אַלֶעס גֶעקֶענְט אוּן גֶעוִויסְט, אָבֶער דֶערְוַוײל אִיז עֶר פַארְשְׁוַוארְצְט גֶעוָוארְן פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף, זַײן גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז גֶעוֶועֶן אֵײן קֵײט פוּן בִּיטֶערְנִישׁ אוּן עֶסֶענִישׁ, לְמָשָׁל אַז זַײן אַנְצוּג אִיז נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען פוּנְקְטְלִיך וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, הָאט עֶר זִיך אוֹיפְגֶעגֶעסְן, אֵיי וָואס גֵײט דִיך אָן ? עֶס אִיז דָאך גֶעלוּנְגֶען הֶערְלִיך שֵׁײן ? אָבֶער אַז אִיך זָאל אַזוֹי גֵײן אִין שְׁפַּאנְיֶע וֶועט מֶען פוּן מִיר לַאכְן אוּן מִיך אָנְקוּקְן וִוי אַ שְׁלִימַזָל אוּן אַן אָפְּגֶעריסֶענֶער... [בִּיסְט דָאך יֶעצְט נִישְׁט אִין שְׁפַּאנְיֶע ?...]

## אִיךְ... זָאל מַאכְן אַזַא טָעוּת?

דֶער חָכָם הָאט אוֹיךְ גֶעקֶענְט שְלֵייפְן דֵיימַאנְטְן הֶערְלִיךְ שֵיין, אֵיינְמָאל אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער שַׂר מִיט אַ טֵייעֶרְן שְטֵיין וָואס עֶר הָאט אַיינְגֶעהַאנְדְלְט אִין אַ וַוייטְן לַאנְד, אוּן מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שְטֵיין מִיט זֵייעֶר אַ שֵיינֶע אַיינְקְרִיצוּנְג פוּן אַ בְּלוּם, עֶר זָאל אוֹיף דֶעם טֵייעֶרְן דֵיימַאנְט נָאכְמַאכְן פוּנְקְט דֶעם זֶעלְבְּן בְּלוּם, דֶער חָכָם הָאט טַאקֶע אוֹיסְגֶעשְנִיצְט פוּנְקְט אַזַא בְּלוּם, אוּן עֶס אִיז גֶעלוּנְגֶען הֶערְלִיךְ שֵיין, נָאר אֵיין בְּלֶעטֶעל הָאט עֶר פַארְפֶעלְט, וָואס אוֹיסֶער עֶר אַלֵיין הָאט דָאס קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט אֲפִילוּ נִישְט בַּאמֶערְקְט, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער אוֹיפְגֶעגֶעסְן: אַזַא חָכָם וִוי אִיךְ זָאל נָאךְ מַאכְן אַזַא טָעוּת...? אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים.

## מֶען אַנֶערְקֶענְט מִיךְ נִישְׁט, וַוייטֶער יִסוּרִים...

גֶעוֶועןְ אִיז עֶר גָאר אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער, אָבֶער פוּן זַיין דָאקְטֶערַיי הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט שְׁטֶענְדִיג יִסוּרִים, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַאר אַ קְרַאנְקְן אַ מֶעדֶעצִין וָואס הָאט אִים זִיכֶער גֶעדַארְפְט הֵיילְן, בִּיז דֶערְוַוייל אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט דֶער עוֹלָם גֶעשְׁמוּעֶסְט אַז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג דֶערוֹיף, הָאט עֶר עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אָדֶער וֶוען עֶר הָאט יָא אֵיינֶעם אוֹיסְגֶעהֵיילְט, דֶער עוֹלָם הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט אַז יֶענֶער אִיז פוּן זִיךְ אַלֵיין גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, הָאט עֶר דָאס וַוייטֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶועןְ פוּל מִיט יִסוּרִים.

מִיט אַלֶע חָכְמוֹת און לֵיצָנוּת׳לֶעךְ הָאסְטוּ נָאר יִסוּרִים!

דֶער זֶעלְבֶּער בִּילְד שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט מִיט חָכְמוֹת, און קֶען נִישְׁט פּוּעֶל׳ן בַּיי זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען דִי פָּשׁוּטֶע תְּמִימוּת׳דִיגֶע עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִיק, עֶר וַואלְגֶערְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ דוּרְךְ זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּל מִיט יִסוּרִים און אוֹיפְּעֶסֶענִישׁ, און אוֹיבּ אִיז נִישְׁט גֶענוּג מַאכְט עֶר חוֹזֶק פוּן דִי וָואס גֵייעֶן יָא מִיט תְּמִימוּת, אַז זֵיי זֶענֶען מְשׁוּגָעִים, אָבֶּער דֶערְוַוייל דִי תְּמִימוּת׳דִיגֶע אִידְן לַאכְן זִיךְ אוֹיס פוּן יֶעדְן, און קֶענֶען זִיךְ שֶׁענֶער דֶערְהַאלְטְן אִין לֶעבְּן, און טְרָאץ אַלֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת וָואס גֵייט אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער אִיז צוּ בַּאווּאוּנְדֶערְן וִוי אַזוֹי זֵיי דֶערְהַאלְטְן זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין, וַוייל אַז מֶען גֵייט מִיט תְּמִימוּת און מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט דִי לֶעבְּן גֶעשְׁמַאק, מֶען נֶעמְט אָן דִי לֶעבְּן גְרִינְגֶער, און מֶען אִיז נָאר פְרֵייליךְ.

## ג.

### אָן דיר באַשעפֿער - קען איך אַפֿילו נישט זינדיגן

דער הײליגער רבי האָט געהאַט אַ גרױסער תּלמיד הרב הקדוש רבי יודל מדאַשיב זכותו יגן עלינו, ער איז נאָך געװען אַ תּלמיד פֿונעם הײליגן רבי פּנחס קאָריצער זכותו יגן עלינו, װאָס דער רבי האָט אים זײער אױסגערימט, דער הײליגער רבי האָט אַמאָל געזאָגט (חיי מוהר״ן סימן תקנג) אַז רבי פּנחס איז געװען אַ שטיק צײט אַ ״חד בדרא״ - דער אײנציגסטער אַזױ גרױס אינעם דור. אײנמאָל װען רבי יודל איז געזיצן און געלערנט אינעם בית המדרש נעבן דעם רבי׳נס צימער, האָט פּלוצלינג דער הײליגער רבי אױפֿגעמאַכט דעם טיר, און זעענדיג װי ער זיצט דאָרטן, האָט אים דער רבי געפֿרעגט: אפֿשר קענט איר מיר עפּעס נאָכזאָגן

פון דַיין רֶבִּי׳ן רֶבִּי פִּנְחָס? הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס הָאט אַמָאל גֶעטַייטְשְׁט, פַארְוָואס מִיר זָאגְן (בְּנוּסַח הַוִּדּוּי): אָשַׁמְנוּ בָּגַדְנוּ גָּזַלְנוּ וְכוּ׳ מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מִיר הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט... מִיר הָאבְּן גֶע׳גַזָל׳ט...! מֶען וָואלְט דָאס גֶעדַארְפְט זָאגְן מִיט אַ לָשׁוֹן יָחִיד - אָשַׁמְתִּי בָּגַדְתִּי וְכוּ׳, יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶער אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת, פַארְוָואס דֶערְמַאנְט מֶען אוֹיךְ יֶענֶעמְס עֲבֵירוֹת?! נָאר דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ אִיד הָאט אַ טַעֲנָה כִּבְיָכוֹל צוּם בַּאשֶׁעפֶער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וָואס וִוילְסְטוּ פוּן מִיר הָאבְּן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט? דוּ אַלֵיינְס בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען אִין מִיר? וַוייל וֶוען דוּ נֶעמְסְט אַרוֹיס פוּן מִיר דֶעם חַיוּת וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, אַז דוּ טְרִיקֶענְסְט מִיר אוֹיס מַיין קֶערְפֶּער וָואלְט אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן, אוּן נִישְׁט טוּהן קַיין שׁוּם עֲבֵירָה! אוֹיבּ

אַזוֹי איז די עֲבֵירָה גֶעוֶוען מִיט דִיר צוּזַאמֶען. וֶוען דֶער הֵײלִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דֶעם טַײטְשׁ הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: מִיר טַײטְשְׁן אוֹיךְ אַזוֹי! וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה – אַז אַ אִיד קוּמְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער בֶּעטְן מְחִילָה אוֹיף זַײנֶע עֲבֵירוֹת, זָאגְט עֶר: בִּי אֲדֹנִי – דוּ בִּיסְט דָא אִין מִיר; אוּן אַלֶעס איז גֶעוֶוען מִיט דַײנֶע כּוֹחוֹת, דֶערִיבֶּער דַארְפְסְטוּ – רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם – מִיר מוֹחֵל זַײן אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תרי).

## דֶער אֵײבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵײבִּיג מִיט דִיר

דָאס איז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אַז אַפִילוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זֵייעֶר אַ נִידְרִיגֶען מַצָב, דָאךְ זָאל עֶר זַײן שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אֵײבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מִיט אִים, וַוייל אַז עֶר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרִישׁ מְחַזֵק מִיט דִי אֱמוּנָה אַז דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, קֶען אִים גָארְנִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, און קַיין שׁוּם דוּרְכְפַאל אִין דֶער וֶועלְט קֶען אִים נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן.

## קֵיינֶער וֶועט מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן

דָאס אִיז אוֹיךְ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זֹאת חֲנוּכָּה, וָואס מֶען קֶען דֶעמָאלְטְס אַלֶעס פּוֹעֵל'ן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל דֶער וָוארְט 'זֹאת' וַוייזְט אוֹיף אֱמוּנָה (עַיֵּין תִּקּוּנֵי זֹהַר דַף יא ע"ב, כא ע"ב, וְעוֹד), דֶערְפַאר אִין דֶעם לֶעצְטְן טָאג חֲנוּכָּה, וֶוען עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ אַלֶע תִּקּוּנִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל (כְּיָדוּעַ בְּסִפְרֵי חֲסִידוּת), רוּפְט מֶען אָן זֹאת חֲנוּכָּה, אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ אִיז אֱמוּנָה, דוּרְךְ אֱמוּנָה קֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן און אַלֶע מִלְחָמוֹת און מַחְלוֹקֶת וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ,

גאָרנישט אין דער װעלט קען אים אָפּשרעקן, אַזױ װי מיר זאָגן די גאַנצע הײליגע טעג נאָכן דאַװענען שחרית און מנחה (תהלים כז, ג): "אם תחנה עלי מחנה" – אױב װעסטו אָרגאַניזירן אױף מיר אַ גאַנצע מחנה, "לא יירא לבי" – װעל איך גאָרנישט מורא האָבן, "אם תקום עלי מלחמה" – אױב װעסטו אױפשטעלן אױף מיר אַ מלחמה, "בזאת אני בוטח" – מיט דעם אַלעם װעל איך זיך שטענדיג מחזק זײן מיט אמונה און בטחון, און זיך נישט דערשרעקן פון גאָרנישט. די גרעסטע זאך װאס אַ מענטש דאַרף צוקומען אױף דער װעלט איז צו גלײבן אַז דער אײבערשטער איז שטענדיג דאָ, כאָטש װאס עס זאָל מיר נאָר דורכגײן, און כאָטש װאס איך זאָל נאָר האָבן אָפּגעטוהן, דעם אײבערשטן דאַרף מען טרעפן בײ יעדע זאך אין לעבן, קײנמאָל זיך נישט

פֿאַרלירן נאָר זיך מחזק זײַן פֿון פּריש, אָבער דאָס צו קענען באַװײַזן איז די גרעסטע קונץ.

## באַלד גײען מיר שױן צוריק אַהײם

עס איז באַװוּסט אַז דער הײליקער װילנער גאון [גר״א] זכותו יגן עלינו איז געזעסן אַגאַנצן טאָג מיט טלית און תּפֿילין, אין אַ צימער אָן קײן פֿענסטער, אַרומגענומען נאָר מיט ספֿרים, נישט װיסנדיק גאָרנישט װאָס עס טוט זיך אינדרויסן, און פֿאַר קײן זאַך אין דער װעלט האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט פֿון לערנען די הײליקע תּורה, אײנמאָל איז אָנגעקומען זײַן שװעסטער װאָס ער האָט איר שױן נישט געזען פֿאַר גאָר אַסאַך יאָרן, האָט ער איר געפֿרעגט: װאָס מאכסטו? און שױן אַװעק װײַטער לערנען, זאָגט זי: ברודער! איך האָב דיך שױן אַזױ לאַנג נישט געזען, לאָמיר אַביסל

פַּארְבְּרֶענְגֶען אִינְאֵיינֶעם. זָאגְט עֶר אִיר: אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט, בַּאלְד גֵייעֶן מִיר שׁוֹין צוּרִיק אַהֵיים (יֶענֶע װֶועלְט), אוּן עֶס אִיז מִיר אַ שָׁאד אוֹיף דִי צַייט װָאס אִיךְ קֶען דֶערְוַוייל לֶערְנֶען.

## מוּסָר פַארְן גְרָ״א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן ווִילְנֶער גָאוֹן אַ בַּעַל מוּסָר, הָאט עֶר אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים אוֹיךְ זָאגְן מוּסָר, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: אִיז דֶען אַ קוּנְץ צוּ זַיין אַ גָאוֹן אַז מֶען זִיצְט אַגַאנְצֶע טָאג מִיט טַלִית אוּן תְּפִלִין אִין אַ צִימֶער אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט סְפָרִים, אוּן מֶען אָטֶעמְט אֲפִילוּ נִישְׁט דִי לוּפְט פוּנֶעם דְרוֹיסֶענְדִיגְן װֶועלְט?! לָאמִיר זֶעהן אַז דוּ װֶועסְט זִיךְ דַארְפְן גֵיין מִיטְשֶׁעפֶען אוֹיף פַּרְנָסָה, דוּ װֶועסְט רַחְמָנָא לִצְלָן דַארְפְן דוּרְכְגֵיין אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם

זאָלסטו זיך קענען דערהאַלטן, דעמאָלטס וועל איך וויסן אַז דו ביסט אַ גאון... ! האָט ער אַ שמייכל געגעבן און געזאָגט: יאָ – דו ביסט גערעכט, אָבער איך בין נישט קיין קונצן מאַכער. זעהט מען פון דעם אַז דער עיקר שיינקייט פון אַ איד איז אַז כאָטשיג ער דאַרף אַרויסגיין אין די וועלט דאָך קען ער זיך דערהאַלטן, דאָס איז ביים איבערשטן דער גרעסטער חשיבות און דער גרעסטער שבח.

## דער גאָרנישט... ער איז גאָר דער חידוש

עס איז דאָ מענטשן וואָס שרייען, אַז אַן ערליכער יוד קען מען נישט זיין נאָר אַז מען זיצט איינגעלייגט אין די אייגענע ד׳ אמות, מען לערנט און מען דאַוונט, מען דינט דעם איבערשטן, און מען גייט קיין ערגעץ נישט אַרויס, אָבער דאָס איז אַ מורא׳דיגער טעות, ווייל

וויפִיל מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דָאס בִּכְלַל בַּאוַוייזְן ? יֶעדֶער קֶען עֶפֶּעס זַיין דֶער ווילְנֶער גָאוֹן, זִיצְן מִיט טַלִית און תְּפִילִין אַגַאנְצֶן טָאג אִין אַ פַארְמַאכְטְן צִימֶער מִיט פִיר וֶוענְט פוּל מִיט סְפָרִים און לֶערְנֶען ?! רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן ! אוֹיסֶערְדֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּפֵירוּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כה; וְסִימָן רפ), אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי עֶרְלֵיי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵיינְס אִיז "עֲבוֹדָה פְּנִימִי" - פוּן זִיצְן און לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, ווידֶער אִיז דָא נָאךְ אַ מִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וָואס הֵייסְט "עֲבוֹדָה חִיצוֹנִי", אַז כָאטְשִׁיג אִיךְ בִּין אִין גַאס, אִיךְ דַארְף רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, הָאבְּן צוּטוּהן מִיט מֶענְטְשְׁן, דָאךְ קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי אֱמוּנָה, אִיךְ בַּא'גַנְבֶ'ע נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ פָּאפּ נִישְׁט אוֹיס קֵיינֶעם, דָאס אִיז דֶער עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פוּן רוֹב מֶענְטְשְׁן, פַארְקֶערְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזַא מֶענְטְשׁ דֶער גְרֶעסְטֶער

חִידוּשׁ, אַז כָאטְשִׁיג עֶר אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְוִוישְׁן דִי װֶועלְט, וָואס צוּלִיבּ דֶעם אִיז עֶר פוּן דִי נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעקוּקְטֶע אִידְן, מֶענְטְשְׁן קוּקְן אִים אַרָאפּ אוּן הַאלְטְן אִים פַאר גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, אוּן דָאךְ קֶען עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

## ד.

## טְרֶעף דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיךְ בַּיי װֶעלְט זַאכְן

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער וִיכּוּחַ צְוִוישְׁן יוֹסֵף מִיט דִי בְּרוּדֶער, יוֹסֵף הַצַּדִיק - וִויבַּאלְד עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג נָאר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט זַיין טַאטֶע, הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אַז דִי גַאנְצֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פוּן אַ אִיד אִיז נָאר צוּ זִיצְן אִינֶעוֵוײנִיג אִין שְׁטוּבּ, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי װֶועלְט, דֶערִיבֶּער װֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז דִי בְּרוּדֶערְס דְרֵייעֶן זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן, אוּן

בַּאשֶׁעפְּטִיגְן זִיךְ אוֹיךְ מִיט וֶועלְטְלִיכֶע גֶעבְּרוֹיכְן, הָאט עֶר זֵיי בַּארֶעדְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, זֵיי עֶסְן אֵבֶר מִן הַחַי, זֵיי זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דִי בְּנֵי הַשְּׁפָחוֹת, אוּן זֵיי זֶענֶען חָשׁוּד אוֹיף עֲרָיוֹת (בְּרֵאשִׁית לז, ב; וּבְרַשִׁ״י שָׁם), אָבֶער דִי בְּרוּדֶערְס הָאבְן גֶעהַאלְטְן אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִינְדְרוֹיסְן אוּן עֶר בַּאשֶׁעפְּטִיגְט זִיךְ מִיט נָאךְ זַאכְן, אִיז דָאס אוֹיךְ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אוּן עֶסְט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶר דַארְף נָאר דָארְט אוֹיךְ טְרֶעפְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

## לָאמִיר זֶעהן יֶעצְט זַיי אַן עֶרְלִיכֶער יוּד

וֶועגְן דֶעם וֶוען דִי הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען פַּאשֶׁען דִי שָׁאף פוּן טַאטְן יַעֲקֹב (בְּרֵאשִׁית לז, יב), זָאגְט רַשִׁ״י (מִבְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה פד, יג) אַז זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זִיךְ אַלֵיין פַּאשֶׁענֶען - זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען עֶסְן; אַזוֹי

אויך נאָכדעם װאָס זײ האָבן אַרײַנגעװאָרפֿן יוסף אין גרוב האָבן זײ זיך געזעצט עסן אַ סעודה (בראשית לז, כה). סתּם אַזױ קוקט דאָס אױס זײער אינטערעסאַנט: מען נעמט אַ ברודער און מען װאַרפֿט אים אַרײַן אין אַ גרוב פֿול מיט שלענג און עקדיסן (עײַן ברש״י) און מען װאַשט זיך צו אַ פֿײַנע סעודה?! נאָר זײ האָבן אים דערמיט געװאָלט װײַזן אַז מען דאַרף קענען דינען דעם אײבערשטן אַפֿילו מיט די װעלט זאַכן אױך, װער רעדט נאָך אַז צו דעם האָט מען אין דער זײַט אױך אַ ציפּקע צרות, דאָך זאָל מען זיך קענען דערהאַלטן, װעגן דעם האָבן זײ אים אַרײַנגעװאָרפֿן אין גרוב, זאָגענדיג דערמיט: לאָמיר זעהן, זיץ אין אַ גרוב מיט שלענג און עקדיסן און יעצט זײַ מיר אַן ערליכער איד...!

## עֶסְן אוּן טְרוּנְקְן אִיז אוֹיךְ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם

גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט עֶסְן, צוּ וַוייזְן אַז מֶען קֶען יָא דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיךְ מִיט עֶסְן אוּן טְרִינְקְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סב): וֶוען אַ אִיד עֶסְט וֶוערְט עֶר מוֹרָא'דִיג בַּאהָאפְטְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. וַוייל אַז עֶר עֶסְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר מַאכְט אַ בְּרָכָה, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי עֶסְן לִיגְט אוֹיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוערְט עֶר דֶעמָאלְטְס מֶער צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ

אַ אִיד דַארְף וִויסְן, אַז מֶען קֶען זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאבְּן אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער אוּן זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי, זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ, זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן דָאךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט

אונז געגעבן אַ תּורה, און דאָרט שטײט אַז אַ איד דאַרף חתונה האָבן, אַזוי װי דער פּסוק זאָגט (בראשית ב, יח): לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ, אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ - עס איז נישט גוט אַז אַ מענטש איז אַלײן, איך װעל אים געבן אַ װײב. אַ מענטש טאָר נישט זײן אַלײן אָן אַ װײב, װײל רחמנא לצלן דעמאָלטס װעט ער קומען צו די ביטערע עבירה פֿון ער רחמנא לצלן, װאָס די תּורה רופֿט אים אָן אַ שלעכטער מענטש (בראשית לח, ז), אַ איד מוז חתונה האָבן, לעבן מיט ליבשאַפֿט און שלום אין שטוב, אַזוי אַרום װעט ער װערן געראַטעװעט און אָפּגעהיטן פֿון אַלעם שלעכטס.

## װי אַזוי פֿירט מען זיך אין שטוב

אַ איד איז אַמאָל געקומען צום הײליגן רבי'ן, ער האָט געװאָלט װיסן װי אַזוי זיך צו פֿירן בײַ זיך אין שטוב,

עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אָן אַ שִׁיעוּר הַנְהָגוֹת פוּן פַארְשִׁידֶענֶע צַדִּיקִים, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּהן, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי״ן וָואס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן וָואס נִישְׁט, דֶער רֶבִּי הָאט גְלַייךְ גֶעכַאפְּט זַיין מַחְשָׁבָה אוּן פַארְשְׁטַאנֶען דִי סְפֵיקוֹת אוּן שְׁוֶועֶרעקַייטְן וָואס עֶר הָאט, רוּפְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָן (תְּהִלִּים יט, ג): וְלַיְלָה לְלַיְלָה יְחַוֶּה...! [זַיין פְּרוֹי הָאט גֶעהֵייסְן חַוָה], הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם קְלָארְן תֵּירוּץ אַז עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן אִיר (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן יא), וַוייל אַ אִיד הָאט אַ תּוֹרָה, אוּן וֶוען מֶען מֶעג - מֶעג מֶען אַלֶעס, וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט - טָאר מֶען גָארְנִישְׁט.

## אַ איד קען שטענדיג זיין צוגעבינדן צום באַשעפער

אַ איד דאַרף בײַ יעדע זאַך קענען טרעפן דעם באַשעפער, אַלע מצוות וואס דער באַשעפער האט אונז געגעבן און אַלע הלכות וואס איז דא בײַ יעדע ריר, ווײַזט אונז ווי אַזוי אַ איד קען שטענדיג זיין צוגעבינדן צום באַשעפער, אין גמרא געפונט מען שטענדיג די לשון "תא שמע" - קום און הער. דאס מײנט אַז אַ מענטש זאל פאַרשטײן און אַרויסהערן דעם באַשעפער וואס איז דא אין יעדע זאַך אין דער וועלט, [ווײַל אַלע מימרות און הלכות וואס עס שטײט אין די גמרא איז געבויעט אויף גרויסע סודות (זהר, רעיא מהימנא פרשת פנחס, דף רמד ע"ב), דערפאַר דאַרף מען וויסן אַז זאגן גמרא איז פונקט אַזא סגולה ווי זאגן זוהר, בלויז דאס זאגן גמרא אֲפילו ווען מען פאַרשטײט נישט האט אין זיך אַ מורא'דיגע כח הקדושה, די גאַנצע גמרא איז פול

מִיט אֱלֹקוּת, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ].

## דוּ לֶערְנְסְט עֶס, אָבֶּער דֶער בִּיזְנֶעסְמַאן אִיז עֶס מְקַיֵים

אַז אֵיינֶער גֵייט מַאכְן בִּיזְנֶעס - זָאגְט דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפ), אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶעמָאלְטְס עוֹסֵק בַּתּוֹרָה, וַוייל עֶר אִיז דֶעמָאלְטְס מְקַיֵים דִי הַלָכוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, אַן אַנְדֶערֶער אִינְגֶערְמַאן זִיצְט טַאקֶע אוּן לֶערְנְט אַלֶע הַלָכוֹת וִוי אַזוֹי מֶען טָאר נִישְׁט בַּא'גַנְבֶ'נֶען אוּן אוֹיסְפָּאפֶּען מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אָבֶּער עֶס קוּמְט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיס דָאס מְקַיֵים צוּ זַיין, ווִידֶער דֶער אַרְבֶּעטֶער דֶער גֶעשֶׁעפְטְסְמַאן דֶער בִּיזְנֶעסְמַאן אִיז מַמָשׁ מְקַיֵים דִי אַלֶע מִצְוֹת אוּן הַלָכוֹת.

## מאך דײן אַרבעט פֿרײלעך

דערפֿאַר אַז אײנער דאַרף אַרױסגײן אַרבעטן טאָר ער נישט װערן צופֿאַלן, פֿאַרקערט ער קען מאַכן זײַן גאַנצע אַרבעט פֿאַר "מלאכת המשכּן", בײַ די משכּן האָט מען אױך געטוהן ל"ט מלאכות אָבער דאָס האָט אַראָפּגעבראַכט אַ לעכטיגקײט אױף דער װעלט, די זעלבע קען יעדער מענטש לעכטיג מאַכן און פֿרײליך מאַכן זײַן אַרבעט, אױב ער װײסט אַז דער באַשעפֿער איז מיט אים (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן יא), אמת דער הײליגער רבי זאָגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן ד): װען אַ מענטש איז זוכה און ער איז שױן אינגאַנצן צוגעקלעבט צום אײבערשטן דאַרף ער שױן גאָרנישט טוהן פֿאַר פּרנסה. אָבער רוב מענטשן האַלטן נאָכנישט דערבײַ און דאַרפֿן נאָך יאָ אַרבעטן, דאַרפֿן זײ זײַן זײער פֿרײליך אַז דװקא דורך זײער אַרבעט זענען זײ

מְקַיֵים דִי תּוֹרָה, דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי הַלָכָה, וִוי לְמָשָׁל נִישְׁט אוֹיסְפָּאפְּן אָדֶער אַרָאפּ גַנְבֶ'נֶען פוּנֶעם קָאסְטוּמֶער אֲפִילוּ עֶר וֶועט דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט כַאפְּן, אוּן אַזוֹי מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע הַלָכוֹת וָואס עֶס מַאכְט זִיךְ אִין בִּיזְנֶעס.

## אִין דַיין בִּיזְנֶעס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער

וֶועגְן דֶעם זֶעהְט מֶען טַאקֶע אַז אוֹיב אֵיינֶער פַארְגֶעסְט זִיךְ אַמָאל אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אוֹיךְ אִין דִי בִּיזְנֶעס, אוּן עֶר טוּט עֶפֶּעס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, רוּפְט מֶען אִים צוּ דִין תּוֹרָה, וָואס גֶעשֶׁעהְט אִיז אַז יֶעצְט דַארְף עֶר פַארְצֵיילְן פַארְן רָב פּוּנְקְטְלִיךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן, אוּן לוֹיט דֶעם מַאכְט מֶען דֶעם דִין תּוֹרָה, אַזוֹי אַרוּם וֶוערְט עֶר גֶעוואוֹיר אַז אִין אַלֶע בִּיזְנֶעס זַאכְן, אִין אַלֶע

גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶע זַאכְן אִיז יָא דָא דֶערְבַּיי תּוֹרָה, עֶס אִיז דָא אַ הַלָכָה אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְן זַאךְ, אוֹיבּ אַזוֹי קֶען מֶען דָארְט אוֹיךְ טְרֶעפְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

## עֶס אִיז אַסַאךְ גְרִינְגֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן

אַוַודַאי אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן וָואס וֶוייניגֶער צוּ טוּהן מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן רֶעדְן וָואס וֶוייניגֶער מִיט מֶענְטְשְׁן, דִי פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, כח): אֲפִילוּ אַ נַאר וָואס רֶעדְט נִישְׁט הַאלְט מֶען אִים פַאר אַ חָכָם. זָאגְט דִי גְמָרָא (פְּסָחִים צט ע״א): שְׁוַוייגְן אִיז גוּט אֲפִילוּ פַאר קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן אָפְּגֶערֶעדְט פַאר טִפְּשִׁים. דִי רֶגַע מֶען מַאכְט אוֹיף דִי מוֹיל אוּן מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן זֶעהט מֶען שׁוֹין פוּנְקְטְלִיךְ וֶוער עֶר אִיז, וָואסְפַאַרַא שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקַייטְן עֶר רֶעדְט נֶעבֶּעךְ צַאם, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ב, ו): מִפִּיו דַעַת וּתְבוּנָה – פוּן דִי מוֹיל

קֶענְסְטוּ ווִיסְן וֶוער דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ אִיז. אֵיינְס פוּן דִי כְּלָלִים וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיס אַ רֶבִּי אִיז צוּ שְׁוַוייגְן, עֶר זָאל נִישְׁט צוּפִיל רֶעדְן, וַוייל אַז יָא קֶען עֶר זִיךְ פַארְרֶעדְן אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט טוֹיגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [זוּהְן פוּן הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִיד רֶבִּי מָרְדְכַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ] הָאט מִיט דֶעם גֶעטַייטְשְׁט דִי סִימָנִים וָואס מֶען זָאגְט בַּיים סֵדֶר נַאכְט: כַּרְפַּס יַחַץ מַגִיד; "כַּרְפַּס" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: כְּ'לַל רִ'אשׁוֹן פֶּ'ה סָ'תוּם - דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הַאלְט דַיין מוֹיל פַארְמַאכְט; "יַחַץ מַגִיד" - אֲפִילוּ וֶוען מֶען דַארְף שׁוֹין יָא זָאגְן, רֶעד נָאר הֶעלְפְט...!

## דֶער חִידוּשׁ אִיז וֶוער עֶס רֶעדְט יָא מִיט מֶענְטְשְׁן

אָבֶער דֶער שְׁלֵימוּת אִיז אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אֲפִילוּ וֶוען מֶען רֶעדְט יָא מִיט מֶענְטְשְׁן,

בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַ חִידוּשׁ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר דַארְף יָא הָאבְּן צוּ טוּהְן מִיט אַנְדֶערֶע, עֶר דַארְף יָא רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶער שְׁטֶענְדִיג פְּרָאבִּירְט עֶר אַרֵיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי יֶעדֶע שְׁמוּעֶס רֶעדְט עֶר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דָאס אִיז דֶער עִיקָר שֵׁיינְקַייט פוּן אַ אִיד.

## רֶעד פוּן בַּאשֶׁעפֶער

דָאס הָאבְּן דִי יְוָונִים גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְזֵירָה (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח ע״ב) אַז מֶען טָאר אֲפִילוּ נִישְׁט אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען אוֹיף דִי מוֹיל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס נָאמֶען, נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי חֲכָמִים אוּן הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען אַז אֲפִילוּ אוֹיף יֶעדְן פַּאפִּיר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס נָאמֶען, מֶען שְׁרַייבְּט 'בְּסִיַעְתָּא דִשְׁמַיָא', 'בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ'

און דאָס גלײכן; אַרײַנצובֿרענגען אין יעדן איד שטענדיק צו רעדן פֿון בטחון, וואָס דאָס איז די גרעסטע התחזקות סײַ פֿאַר זיך אַלײן און סײַ פֿאַר אַנדערע מענטשן.

## דו קענסט אויך זײַן אַן הצלה מעמבער

לײדער פֿעלט נישט קײן צובראָכענע מענטשן וואָס גײען אַריבער שווערע ביטערע נסיונות, און די גרעסטע מצוה איז זײ אויסצוהערן און מחזק זײַן, דו קענסט קײנמאָל נישט וויסן ווי אַזוי מיט דײַנע פּאָר גוטע ווערטער האָסטו ממש אויפֿגעלעבט אַ מענטש, אים געראַטעוועט פֿון אונטערברעכן און צוגרינדגײן, פֿאַר יעדן צווײטן מענטש פֿליט אַמאָל דורך אין געדאַנק: הלוואי שטאַרב איך שוין! הלוואי קען איך מיך נעמען דאָס לעבן! - רחמנא לצלן. נאָר נישט

אֵייבִּיג זָאגְט עֶר עֶס אַרוֹיס אָפְּן מִיטְן מוֹיל, אָבֶּער גֶענוּג מָאל יָא, און עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין וואונְדֶער, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ בִּיטֶערֶע צָרָה, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וואוּ זִיךְ אַהִין צוּ טוּן פַאר וֵוייטָאג, בִּיז עֶר פַאלְט אַרַיין אִין אַזַא דִיפְּרֶעשָׁאן אַז עֶר פַארְלִירְט אִינְגַאנְצְן זַיין שֵׂכֶל, און עֶס קוּמְט אִים אַרוֹיף אַזֶעלֶעכֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶן רַחְמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער אַז דוּ זָאגְסְט אִים אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, הָאסְטוּ אִים פָּשׁוּט מְחַיֶה גֶעוֶוען, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה און דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קו). אוֹיסֶערְדֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קפד) אַז וֶוען מֶען אִיז מְחַזֵק אַ צְוֵוייטְן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער קְלַאפְּט דִי וֶוערְטֶער צוּרִיק צוּ זִיךְ, און מֶען הָאט אַלֵיין אוֹיךְ חִיזוּק.

# װאָס אײן קלײנע ספֿר'ל קען אױפֿטוהן

װען מען האָט געפֿרעגט דעם הײליגן רבי נתן װאָס איז די גרעסטע צדקה?! האָט ער געזאָגט: צו דרוקן די הײליגע ספֿרים פֿונעם רבי'ן. ער האָט געטײטשט מיט דעם די פּסוק (תּהלים קיט, קמב): צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם – װאָספֿאַרא צדקה איז די גרעסטע צדקה? וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת – מען זאָל קענען דרוקן די ספֿרים פֿון אַ צדיק אֱמת (לקוטי הלכות, ברכות השחר הלכה ה, אותיות לו-לח), פֿאַרװאָס טאַקע? װײל אַז עס קומט אָן צו אַ מענטש אַ קלײן ספֿר'ל, װאָס קאָסט נישט מער װי אַפּאָר פּרוטות, אָבער ער האָט דאָס פּונקט יעצט געדאַרפֿט האָבן, ער קוקט אַרײן דערין און ער זעהט אַז ער האָט נאָך יאָ אַ תּקנה, ער האָט נאָך יאָ אַ װעג אַרױס, די מצב איז נאָכנישט אַזױ שװער און ביטער װי ער האָט געמײנט, האָסטו

אים אױפֿגעלאָכטן זײַן לעבן און אים ממש געראַטעוועט, דערפֿאַר איז דאָס אַזאַ מוראדיגע זכות.

## ה.

## בײדע זענען גערעכט

דאָס איז געווען די גרױסע שמחה ווען יהודה מיט יוסף זענען זיך צאַמגעקומען, ווײַל ביז יעצט איז געווען צווישן זײ אַ געוואַלדיגער ויכוח, יהודה וואָס איז געווען אַ מלך און ער האָט געהאַט די מדה פֿון מלכות, האָט געהאַלטן אַז מען קען טרעפֿן דעם אײבערשטן איבעראַל, אַפֿילו ווען מען באַשעפֿטיגט זיך אינדרױסן מיט גשמיות׳דיגע זאַכן, ווידער יוסף הצדיק וואָס איז געווען מורא׳דיג אױסגעאַרבעט אין מדת היסוד, האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף עוסק זײַן נאָר אין רוחניות, און

זֵיי הָאבְּן זִיךְ בְּשׁוּם אוֹפְן נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְקוּמֶען, דֶערְפַאר הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, יְהוּדָה הָאט גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין דִי גַאנְצֶע נִסָיוֹן פוּן תָּמָר, זֶעהְן צוּ עֶר וֶועט זִיךְ טַאקֶע קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן נָאךְ אַזַא דוּרְכְגַאנְג.

## מֶען קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אִידְן

אָבֶּער יוֹסֵף וָואס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ הֶעכֶער אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז מֶען דַארְף נָאר רוּחָנִיוּת, הָאט מֶען אִים שׁוֹין גֶעלֶערְנְט מִיט אַסַאךְ גְרֶעסֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גֶעפֶערְלִיכֶע נִסָיוֹן מִיט פּוֹטִיפַר׳ס וַוייבּ, מִיט דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דֶערְצוּ, מוּזֶענְדִיג אַרוֹיסְלוֹיפְן אִין גַאס אָן קַיין בְּגָדִים, אוּן יֶעדֶער הָאט פוּן אִים גֶעשְׁפֶּעט אוּן גֶעלַאכְט, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעדַארְפְט זַיין אִין תְּפִיסָה, אַזוֹי

שְׁפֶּעטֶער דִי אַלֶע נִסְיוֹנוֹת און שְׁוֶועריקַייטְן וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט מִיטְמַאכְן, זַייעֶנְדִיג אִין דִי עֶקְלְסְטֶע שמוּצִיגְסְטֶע לַאנְד מִצְרַיִם, און אַזוֹי הָאט מֶען פוּן הִימְל גֶעדְרֵייט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען גוּט גוּט אִינֶעם דְרוֹיסְנְדִיגְן וֶועלְט, און דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן, אָבֶער יֶעצְט הָאט עֶר שׁוֹין אַיינְגֶעזֶען אַז דִי בְּרוּדֶערְס זֶענֶען גֶערֶערְכְט, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען זַיין יוֹסֵף הַצַדִיק, מֶען קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אִידְן, פַארְקֶערְט מֶען דַארְף יֶעדְן אִיד דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

## יוֹסֵף אִיז דָאס יָא בַּייגֶעשְׁטַאנֶען

אוֹיךְ הָאבְּן יֶעצְט יְהוּדָה מִיט דִי בְּרוּדֶערְס אַיינְגֶעזֶעהְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן יוֹסֵף הַצַדִיק, און דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי סִיבָּה פַארְוָואס יוֹסֵף הָאט מִיט זֵיי אַזוֹי לַאנְג גֶעדְרֵייט אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן, כְּדֵי זֵיי זָאלְן חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף

אַלֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעטוּהְן, בִּיז זֵיי הָאבְּן טַאקֶע תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן, אוּן גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית מב, כא): אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ – מִיר זֶענֶען שׁוּלְדִיג אוֹיף אַלֶע צָרוֹת וָואס עֶס גֵייט אוּנְז אִיבֶּער, וַוייל מִיר הָאבְּן נִישְׁט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף יוֹסֵף. אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוען יוֹסֵף הָאט גֶעזֶעהן אַז יְהוּדָה אִיז מוֹרָא'דִיג אִין כַּעַס, אוּן עֶר אִיז גְרֵייט חָרוּב צוּ מַאכְן גַאנְץ לַאנְד מִצְרַיִם (עַיֵין בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פַּרְשָׁה צג, אוֹתִיוֹת ו-ח; וּבַאֲרִיכוּת בְּסֵפֶר הַיָשָׁר), הָאט עֶר שׁוֹין גֶעמוּזְט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְן צוּ זֵיי, כְּדֵי עֶר זָאל טַאקֶע נִישְׁט אָפְּוִוישְׁן גַאנְץ מִצְרַיִם, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן יֶעדְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי שְׁטוּבּ, אוּן עֶר הָאט גֶעוֵויינְט, דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט צוּ זֵיי, אוּן גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית מה, ג): אֲנִי יוֹסֵף – אִיךְ בִּין יוֹסֵף! אִיז גֶעפַאלְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁרֶעק אוֹיף זֵיי, הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן קוּמֶען נָאנְט צוּ אִים, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעוִויזְן אַז

עֶר אִיז גֶע׳מַל׳עֶט (שָׁם, ד, וְעַיֵּין בְּרַשִׁ״י), שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת לֶךְ, דַף צג ע״ב) אַז עֶר הָאט זֵיי גֶעוִויזְן אַז עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן מִיטְן בְּרִית, און כָאטְשִׁיג עֶר הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז עֶר אַלֶעס בַּייגֶעשְׁטַאנֶען און נִישְׁט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן, וֶועגְן דֶעם הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן.

מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אֲפִילוּ אִין דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער

מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען יְהוּדָה, זָאגֶענְדִיג: זֶעץ נִישְׁט, הַרְג׳עֶ נִישְׁט, מַאךְ נִישְׁט חָרוּב גַאנְץ מִצְרַיִם, גֶעבּ אַ קוּק: אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶועזְן גוּט גוּט אִינְדְרוֹיסְן, און אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ גְרֶעסֶערֶע און שְׁוֶוערֶערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִיר, דָאךְ בִּין אִיךְ נִישְׁט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן, דֶערְפַאר אוֹיבּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז

אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט קַיין מִצְרַיִם דַארְפְן מִיר זִיךְ דָא אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

## וָואס מֶען גֵייט דוּרְךְ אִיז אוֹיךְ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן צְוֶועק

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית מה, ה): וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְכוּ׳ - זַייט נִישְׁט טְרוֹיעֶרִיג אַז אִיר הָאט מִיךְ פַארְקוֹיפְט אוֹיף מִצְרַיִם, וַוייל אַזוֹי הָאבּ אִיךְ עֶנְק גֶעקֶענְט שְׁפַּייזְן, וִוי אוֹיךְ רַאטֶעוֶועןן דִי עֶקָאנָאמִיעֶ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; מִצְרַיִם אִיז דַאן גֶעוֶוען דִי רַייכְסְטֶע לַאנְד [אַזוֹי וִוי אַמֶערִיקֶע הַיינְט], אוּן פוּן אַלֶע לֶענְדֶער אִיז מֶען גֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם קוֹיפְן עֶסְן, עֶר הָאט זֵיי קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אִיז נָאר גֶעוֶוען פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער בַּאשֶׁעפֶער

האָט אַלעס געפירט מיט אַ פּונקטליכן חשבון כּדי ער זאָל זײ קענען געבן עסן און ראַטעװען זײער לעבן.

## דער קלאָרער באַװײז אַז מען איז ערליך

אָבער כּדי זײ זאָלן נישט טראַכטן אײן מינוט אַז דאָס האָט אים געשאַדט, האָט ער זײ צוגעלײגט אַז ברוך השם טראָץ דעם װאָס איך האָב מיך געדאַרפט דרײען צװישן די מצרים, װאָס זענען געװען די מערסטע פאַרזינקען אין שמוץ פון נאוף כּישוף און אַלע שלעכטע זאַכן (תּנא דבי אליהו רבּה, ז), דאָך האָב איך מיך דערהאַלטן און געבליבן אַן ערליכער יוד, װי איר קענט דאָס אַלײן זעהן אַז איך רעד לשון הקודש (בּראשית שם, יב, ועיין בּרש״י) דאָס הײסט איך רעד נאָר הײליגע װערטער, גוטע װערטער, איך רעד שטענדיג פון באַשעפער אָדער צום באַשעפער, און איך נוץ נאָר אַ הײליגער

שְׁפְּרַאךְ, דָאס אִיז אַ קְלָארֶע בַּאוַוייז אַז אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן עֶרְלִיךְ, טְרָאץ אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריקַייטְן וָואס אִיז דוּרְךְ אוֹיף מִיר.

## פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען – טוּה יֶעצְט וָואס דוּ קֶענְסְט

דֶערְפַאר הָאט יוֹסֵף גֶעגֶעבְּן פַאר זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער דִי נֶעמֶען מְנַשֶּׁה אוּן אֶפְרַיִם, "מְנַשֶּׁה" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְגֶעסְן, "אֶפְרַיִם" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְמֶערְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן צז), דִי צְוֵויי זַאכְן דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, אֵייבִּיג צוּ פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כו): בַּיי דִי וֶועלְט אַז מֶען פַארְגֶעסְט אִיז עֶס אַ מוֹרָא'דִיגֶער חִסָרוֹן, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן,

דאָס מער נישט אַרויפֿברענגען אויפֿן געדאַנק, וואָס איז געווען איז געווען, דער עיקר זעהן וואָס מען קען יעצט טון, קיינמאָל נישט צוריק קוקן וואָס מען איז דורכגעגאַנגען, דאָס הייסט "סור מרע" - איך גיי אַוועק און איך פֿאַרגעס פֿון אַלע שלעכטע זאַכן וואָס איך האָב געטוהן; נאָכדעם קען מען שוין אויך קומען צו "עשה טוב", אַריינכאַפּן צו טון אַסאַך גוטס, יוסף הצדיק האָט מיט די נעמען געוויזן אַז דאָס איז געווען זיין הצלחה, פֿון איין זייט האָב איך פֿאַרגעסן אַלעס וואָס איז מיר דורך, און פֿון איין זייט האָב איך אייביג פּראָבירט צו טון וואָס מער גוטס.

## ו.

### אַז עס איז דאָ אַ װעג אַרײַן איז דאָ אַ װעג אַרױס

דאָס איז אַ מוֹרָא׳דיגע התחזקות פֿאַר יעדן מענטש, װײַל אויף דער װעלט גײט אויף יעדן דורך שװערע ביטערע נסיונות, לײדער קען מען זיך נישט אײַנהאַלטן, דער אײבערשטער זאָל אָפּהיטן, און מען מוז דורכפֿאַלן, אָבער אַז מען איז זוכה און מען האָט די התחזקות פֿון הײליגן רבי׳ן, װײסט מען אַז אַפֿילו איך בין דורכגעפֿאַלן און אַראָפּגעפֿאַלן טיף אין דער ערד, װער איך נישט פֿאַרלוירן און צופֿאַלן, נאָר איך פֿאַרגעס פֿון אַלעם און איך קום צוריק צום באַשעפֿער, װײַל אַ מענטש קען אַלעס אויף דער װעלט פֿאַרריכטן, אַזױ װי דער הײליגער רבי זאָגט (לקוטי מוהר״ן חלק ב, סימן קיב): אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל,

תּאֲמין שֶׁיְכוֹלִין לְתַקֵן – אויב גְלֵייבְּסְטוּ אַז מֶען קֶען קַאלְיֶע מַאכְן זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטֶן.

## נֶערְוְון קֶען מֶען אויף אויסְהֵיילְן

די וֶוערְטֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ און אויף יֶעדְן מַצָב, סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת און סֵיי בְּרוּחָנִיוּת, מֶען קֶען פון יֶעדְן פְּלָאנְטֶער אַרויסְגֵיין, אַזוֹי וַוייט אַז "אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לַיידְט אויף די נֶערְוְון [וֶוער לַיידְט דֶען נִישְׁט אויף די נֶערְוְון...?] קֶען אויך אויסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן סז), אַז מֶען קֶען אֲפִילוּ דֶעם גְרֶעסְטְן מְשׁוּגָענֶעם אויסְהֵיילְן, נָאר וָואס דֶען? עֶר זָאל נָאר וֶועלְן אויסְהֶערְן און פָאלְגְן וָואס דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אִים אויס, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז עֶר

האַלט נישט בײַם אָננעמען וואָס מען זאָגט אים, ער שרײַט אַז יעדער איז משוגע, נאָר ער ווייסט וואָס צו טון... לאָמיר געבן אַ בײַשפּיל אויפֿן וועלטלעכן שטייגער, הײַנט איז שוין דאָ פּילן צו קענען באַרויִקן אונדזער נערוון, אָבער די אַלע וואָס לײַדן אויף די נערוון שרײַען: איך דאַרף נעמען פּילן? יענער דאַרף נעמען פּילן! אויב אַזוי וואָס קען מען אים טון?!

## די ציגערעטל העלפֿט דיר בכלל?!

לאָמיר אַפֿילו רעדן פֿון אַ פּשוטער נערוועזער מענטש, וואָס ער נעמט כּסדר ציגאַרעטלעך פֿאַר נערוועזקייט, אַז דו ווילסט אים פֿרעגן: פֿאַרוואָס געוואוינסטו זיך נישט אָפּ פֿון דעם? די ציגערעטל העלפֿט דיר בכלל?! מען רעדט שוין נישט וויפֿיל געלט דו בלאָזט אין די לופֿט אַרײַן... פֿאַר די געלט פֿון אַ פּעקל ציגערעטלעך

קֶענְסְטוּ קוֹיפְן אַ גַאנְצֶער מִיטָאג אָדֶער אַ פְרִישְׁטָאג פַאר פִיר פוּנֶעף מֶענְטְשְׁן, אוּן אַז אֵיינֶער נוּצְט דְרֵיי פֶּעקְלֶעךְ צִיגַארֶעטְלֶעךְ אַ טָאג קֶען עֶר פוּן דִי גֶעלְט מַאכְן אַ גַאנְצֶע שַׁבָּת...! אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי נֶערְוֶועז אוּן עֶר לִיגְט אִין אַזַא יִאוּשׁ, אַז עֶר אִיז בַּיי זִיךְ זִיכֶער אַז עֶר קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן דֶעם.

## מִיט דְרָאגְס פַארְבְּרֶענְסְטוּ זִיךְ דַיין מֹח

לָאמִיר גֵיין נָאךְ אַ טְרִיט וַוייטֶער, אַז אֵיינֶער נֶעמְט רַחְמָנָא לִצְלָן דְרָאגְס, זַיין לֶעבְּן אִיז אִים נֶעבֶעךְ אַזוֹי בִּיטֶער, אַז עֶר זֶעהט נִישְׁט קַיין בֶּעסֶערֶע עֵצָה נָאר צוּ נֶעמֶען דְרָאגְס, אַזוֹי וִויל עֶר אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם מְצִיאוּת, אֵיי דוּ פַארְבְּרֶענְסְט דָאךְ דַיין מוֹחַ? ״עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס עֶס וֶועט זַיין, דֶער עִיקָר אַז יֶעצְט אִיז

גוט״, יֶעצְט שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ הוֹיעֶךְ אִין דִי לוּפְטְן. דֶער מִדְרָשׁ (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי ה; יא) לֵייגְט אַרָאפּ פּוּנְקְטְלִיךְ ווִי אַזוֹי אַ שִׁכּוֹר זֶעהט אוֹיס, קוֹדֶם טְרִינְקְט עֶר אֵיין גְלֶעזְל נָאכְן אַנְדֶערְן, אוּן עֶר פִּילְט זִיךְ דֶערְהוֹיבְּן אוּן דֶערְמוּטִיגְט, בִּיז עֶר פַאלְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן בְּרֶעכְט, אַזוֹי לִיגְט עֶר דָארְט פַאר׳שִׁכּוֹר׳ט, בַּאמַאכְט אִין דִי הוֹיזְן, פַארְשְׁמִירְט אִינְגַאנְצְן, מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אֲפִילוּ נִישְׁט נָאנְט גֵיין צוּ אִים פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, אוֹיךְ ווִיל מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁמִירְן; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז הַיינְט מִיט דְרָאגְס.

**דֶער צַדִיק פַארְשְׁטֵייט זֵייעֶר גוּט דַיין טִיפֶע ווֵייטָאג – לָאז דִיךְ נָאר הֶעלְפְן**

בְּאֱמֶת קֶען מֶען דִי מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ הֶעלְפְן, נָאר דִי צָרָה אִיז אַז עֶר אִיז בַּיי זִיךְ אַזוֹי צוּבְרָאכְן אוּן צוּפַאלְן, אַז עֶר

שרײט "דו פֿאַרשטײסט מיך נישט"... איך פֿאַרשטײ שוין גאַנץ גוט װאָס דיר גײט דורך, לאָז דיך נאָר העלפֿן! דער הײליגער רבי איז אַ גרױסער דאָקטער װאָס ער קען אונז אַלע אױסהײלן, מען זאָל אים נאָר אױסהערן און פֿאָלגן, דער הײליגער רבי איז אונז מחזק, ער נעמט אונז אַרױס פֿון אַלע ערלײ נאַרישקײטן און משוגעת'ן װאו מיר זענען פֿאַרדרײט, אַװדאי גײט דאָס נישט אין אײן טאָג, אַ מענטש טוט צומאָל אין לעבן אַזעלעכע נאַרישקײטן, װאָס שלעפּט אים פֿון אײן צרה צו די אַנדערע, ביז ער װערט מורא'דיג פֿאַרפֿלאָנטערט, פֿאַרשטײט זיך אַלײן אַז עס װעט נעמען אַ שטיקל צײט װילאַנג ער װעט זעהן אַ גאַנצע ישועה, אָבער אַז ער האָט די התחזקות פֿון הײליגן רבי'ן װעט ער זיך פֿון אָנהײב נישט אַזױ פֿאַרפֿלאָנטערן, און אַפֿילו אַז ער האָט זיך שוין יאָ

שְׁטַארְק פַארְפְּלָאנְטֶערְט וֶועט עֶר נָאךְ אַלְץ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן, אָבֶּער דֶער עִיקָר וֶועט עֶר הָאבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת אוּן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין פְּלָאנְטֶער.

## לֶעבּ מִיט דֶעם אַגַאנְץ יָאר

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט דִי הִתְחַזְקוּת אִין אֱמוּנָה וָואס מֶען שֶׁעפְּט אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג אוֹיף אַגַאנְץ יָאר.

בס"ד

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלומל

יעדע וואך
ביי אייער
טיר




פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250